# פרשת ויצא ד׳ – י׳ כסלו תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויצא***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי אהרן ישעי׳ פעקעטע זצ"ל אב"ד** העלמעץ (בן הגה"צ רבי צבי אביגדור פעקעטע זצ"ל אב"ד נאנאש).

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מיר זענען אמאל געווען שכנים, אין סאוט פינף. דער נאנאש׳ער בית המדרש איז געווען די לעצטע בית המדרש דארט.

**א׳ האבלים:** ווען מען האט געבויט די הייווע"י האט דער עולם אנגעהויבן אוועקצומופען. און מען איז געבליבן אן א בית המדרש, האט מען געבעטן דעם טאטן אז ער זאל מאכן א בית המדרש, האט מען געמאכט דארט אינעם סעלע"ר. די גאנצע סאוט"ס זענען געווען פול מיט יודען.

**רבינו:** דעמאלטס האבן געוואוינט אויף יענע זייט מער יודען ווי אויף די זייט. מען האט געוואוינט ביז סאו"ט איינס און אראפצו.

**א׳ האבלים:** די וויענער שול איז דאך אויך געווען דארט.

**רבינו:** דער **סטראזניצער רבי** האט געהאט דארט א בית המדרש.

דא איז געווען דער ספרים שטוב פונעם טאטן?

**בנו הר"ר יעקב:** יא. מענטשען מיינען אז דאס איז ירושה ספרים, עס איז אן דעקלער. עס פאלט זיי נישט ביי, אז א יוד לערנט דערין.

**רבינו:** דאס איז די שיינקייט פון א ספר, אז עס איז צוריסען.

**הר"ר יעקב:** עס האט דערציילט דא א מנהל, וואס האט געלערנט אין ישיבה מסכת כתובות, און פיר יאר שפעטער האט ער נאכאמאל געלערנט כתובות, און ער האט געפרעגט דעם טאטן, וואס ער האלט, וואס איז די בעסטע אז מען זאל לערנען. האט ער געזאגט, אז ער האלט אז מען זאל לערנען צוויי ראשונים און צוויי אחרונים. ראשונים מיינט ער, **רש"י** און **תוספות**, און אחרונים מיינט ער, **מהרש"א** און **מהר"ם שיף**. ער מיינט אז ווען מען וועט דאס לערנען, וועלן די מגידי שיעור זייער גוט פארלערנען.

**רבינו:** דאס דארף מען שוין נישט היינט, היינט דארף מען שוין עפעס אנדערש. מען דרוקט שוין גמרות אן **מהרש"א**. אז מען זוכט א **מהרש"א** דארף מען שוין באלד אפירנעמען א אלטע ש"ס.

**הר"ר יעקב:** א יוד וואס וואוינט דא ביי די קארנע"ר האט פארציילט, אז ער האט אמאל פארגעסן צו מאכן עירוב תבשילין, איז ער געגאנגען צום אלטן **שאפראנער רב**. האט אים דער **שאפראנער רב** געזאגט, איך האב נאר אינזין היו"ז סטרי"ט, און ער וואוינט אויף בעדפארד, האט ער אים נישט מוציא געווען מיט זיין עירוב תבשילין. איך האב שוין גערעדט צו מורה הוראות וואס די גדר איז, אדער מאכט מען פארן בית המדרש, אדער פארן גאנצן שטאט.

**רבינו:** מיין **טאטע ז"ל** האט געמאכט פאר די גאנצע שטאט (עיין שו"ע או"ח תקכז-ז, וכן נוהג **רבינו שליט"א**).

**הר"ר יעקב:** ער האט געהאלטן אז ער איז נישט דער שטאט׳ס רב, און זיין גלילות איז נאר היוז סט. אפילו ער האט געדאווענט ביי אים, ער האט נישט געמאכט פאר זיין בית המדרש.

**רבינו:** ער האט געהאלטן אז דאס זענען אויך נישט קיין קבועים.

**הר"ר יעקב:** יא, ער האט אויך געדאווענט אין העלמעץ.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל׳ נטילת ידים סימן קס"ב סעיף ד׳) בבית מדרשנו.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף פישער** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז בשעת יעקב אבינו איז אוועקגעגאנגען קיין חרן, ויחלום, האט ער געחלומ׳ט, והנה סולם מוצב ארצה, אז א סולם איז געשטאנען אויף די ערד, וראשו מגיע השמימה, און די שפיץ איז אנגעקומען אין הימל, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו (בראשית כח-יב), און די מלאכים זענען ארויפגעגאנגען און

אראפגעגאנגען אויפן לייטער. אין די מפרשים שטייט כמה רמזים אויף דעם ענין פונעם חלום, וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס געוויזען פאר יעקב אבינו.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (דרשות ח"ג קכ ד"ה והנה) ברענגט צו א מדרש (ב"ר סח-טז), אז סיני איז א רמז אויף די תורה. סל"ם איז בגימטריא סינ"י, וואס דארט האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה פאר יודען. סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, איז א רמז אויף די תורה הק'. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, תורה באשטייט פון פיר חלקים, פשט, רמז, דרוש, סוד. פשט דאס איז דער פשוטער פשט אין דעם ענין, און נאכדעם איז דא דרוש, און נאכדעם איז דא העכער אין תורה, רמז און סוד. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, פשט און דרוש, דאס איז געגעבן געווארן פאר יעדן איינעם. יעדער איינער קען זוכה זיין צו פארשטיין פשטות התורה, און דרושים וואס איז דא אין די תורה. אבער רמז און סוד, דאס איז א העכערע מדריגה אין תורה, און צוצוקומען צו די השגה, דארף מען זיין אין א הויכע מדריגה. כל העוסק בתורה לשמה זאגט די משנה (אבות ו-א), זוכה לדברים הרבה, ומגלין לו רזי תורה. א יוד דארף האבן א מדריגה, אז ער זאל זוכה זיין צוצוקומען צו די רזי תורה. אבער ווען א יוד גיט אוועק זיין צייט צו לערנען תורה הק' אין פשט און דרוש, איז ער זוכה שפעטער משיג צו זיין אלע חלקים אין די תורה, סיי על פי רמז, און אויך על פי סוד.

**עס** שטייט אין די גמרא (חולין צא:) אז די מלאכי אלקים, זענען געווען צוויי מלאכים וואס זענען ארויפגעגאנגען, און צוויי מלאכים וואס זענען אראפגעקומען. זאגט דער **חתם סופר**, די מלאכי אלקים דאס זענען די פיר מלאכים וואס איז אקעגן די פיר חלקים וואס איז דא אין תורה, פשט, רמז, דרוש, סוד. אויף יעדע איינע איז דא א מלאך. די צוויי מלאכים וואס זענען ארויפגעגאנגען, דאס איז געווען פון די תורה וואס יעקב אבינו האט געלערנט פשט און דרוש, און נאכדעם איז געווען צוויי מלאכי אלקים יורדים בו, ער האט באקומען א הארה, אז ער האט משיג געווען אויך די אנדערע צוויי חלקים, רמז און סוד.

**עס** קען אפשר זיין א שטיקל רמז. די גמרא (קידושין ל:) זאגט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. יעדע יוד האט זיך זיינע נסיונות וואס ער גייט אדורך. און אז א יוד וויל ניצל ווערן פונעם יצר הרע, איז די עצה דערויף, אז ער זאל זיך מדבק זיין אין תורה הק'. דער יצר הרע דאס איז דער ס"מ, ווייל די גמרא (ב"ב טז.) זאגט, אז דער יצר הרע, דאס איז דער שטן, און דער מלאך המות. דער זעלבער מלאך איז ממונה אויף די אלע דריי זאכן. קודם רעדט ער צו אז מען זאל טון א עבירה, און נאכדעם איז ער מקטרג אויף אים, און נאכדעם איז ער נוטל את נפשו. און אז מען זיצט און מען לערנט תורה, איז מען זוכה ניצל צו ווערן פון דעם יצר הרע, וואס איז דער מלאך המות.

**סלם** איז די אותיות ס' ל' מ'. דער ס' און דער מ' זענען די אותיות פונעם ס"מ, דאס איז דער יצר הרע. און דער ל' וואס איז אינווייניג, דאס איז רומז אויף לימוד התורה. לימוד התורה איז דער ל' וואס טוט אפטיילען און מגרע זיין דעם כח פונעם ס"מ. סל"ם מוצב ארצה, די ל' וואס איז רומז אויף לימוד התורה, דאס טוט אוועקנעמען די כח פונעם ס"מ וואס איז דא פון די צוויי זייטן. די תורה הק' וואס א יוד לערנט, איז מוצב ארצה, אפילו מען איז פארטון אין ארציות, קען ער זוכה זיין, אז ראשו מגיע השמימה, אז דער יצר הרע זאל אים נישט קענען אוועקנעמען זיין קאפ אז עס זאל ליגען אין ענייני עולם, נאר עס זאל זיין והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי משה מנחם ווייס שליט"א** דומ"ץ פאפא ב"פ, עב"ג בת **הרה"ג רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א** רב דקהל איחוד התלמידים דסאטמאר (וומסב"ג), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שני פרשת ויצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אלי' יוסף בריעגער** הי"ו. אחר התפלה השמיע

**רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי יוסף בידערמאן שליט"א** (**בן כ"ק האדמו"ר רבי שמעון נתן נטע זצ"ל מלעלוב ירושלים**) לביקור אצל **רבינו שליט"א.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הרה"ג רבי יוסף:** עס שטייט פון **רבי משה לעלוב'ער** אז די לשון הצלחה איז אויף א זאך וואס איז בדרך הטבע, און די לשון ברכה איז אויף א זאך וואס איז שלא כדרך הטבע. מען געפונט ביי יוסף הצדיק ווען ער איז געקומען צו פוטיפר שטייט אין פסוק (בראשית לט-ג) וכל אשר הוא עושה ה' 'מצליח' בידו, עס שטייט די לשון הצלחה. און ווען ער האט אים אריינגעברענגט אין שטוב, שטייט אין פסוק ויברך ה' את בית המצרי בגלל יוסף, א לשון ברכה. ווייל ער האט מקדש געווען דאס פלאץ, און ער האט אריינגעברענגט קדושת ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל איז די הנהגה שלא כדרך הטבע.

ווען מען קומט אריין אין די קהלה, איז אויך דא א קדושה אזוי ווי קדושת ארץ ישראל, וואס דער רבי לייגט אריין. עס איז דבריו עושים פירות, די ווערטער פונעם צדיק מאכן פירות.

**רבינו:** ב"ה, עס לאזט זיך נישט זאגן אז עס איז מיין כח.

**הרה"ג רבי יוסף** (אחר שמסר הזמנה לחתונת בתו): בשעת **רבי דוד לעלוב'ער** האט זיך משדך געווען מיטן **יהודי הקדוש פון פרשיסחא** (בנו **הרה"ק רבי משה מלעלוב** היה חתן **היהודי הק'**), האט **רבי דוד'ל** געזאגט פאר **יהודי הק'**, אז מיין בחור איז א פשוטער בחור, האט דער **יהודי הק'** געזאגט, אף על פי כן, איך בין אויך א פשוטער יוד. אבער איין זאך בעהט איך, אז ער זאל מקדש זיין מיט א טבעת של זהב. און **רבי דוד'ל** האט געזאגט איך וויל של כסף. און די שידוך איז געווארן. ווען עס איז געקומען צו די חופה איז נישט געווען א טבעת של זהב, האט מען געווארט. איז געווען דארט א קלוגער יוד, און ער איז אהיימגעלאפען אין שטוב, און ער האט געזאגט פאר זיין רעבעצין, גיב מיר דיין טבעת, און ער איז צוריקגעלאפען צו די חופה, און ער האט עס געגעבן פאר דעם חתן, אז ער זאל מקדש זיין מיט א טבעת של זהב. און דער יוד האט געדארפט א ברכה פאר קינדער, און פון דעמאלטס איז אים געווארן ליכטיג מיט קינדער און פרנסה. און פון דעמאלטס האט מען מקפיד געווען אין לעלוב אז מען זאל מקדש זיין מיט א טבעת פון גאלד[א]. אין זידיטשוב איז מען מקפיד דווקא אז מען זאל מקדש זיין דווקא מיט כסף[ב].

**רבינו:** מען האט מקפיד געווען אויף ווייס גאלד, אדער געל גאלד?

**הרה"ג רבי יוסף:** דווקא געל גאלד.

איינע פון די טעמים וואס מען זאגט פארוואס מען האט אים גערופן דער **יהודי הק'** איז, ווייל ער איז געשטיגן פון טאג צו טאג אזוי ווי פון א גוי צו א יוד (עיין בספר **שפתי צדיק** פ' וירא נח-ב, **ובשמן ראש** ח"י במדבר דף פא).

**רבינו:** וואס איז דער אמת'דיגער טעם פארוואס מען האט אים אזוי גערופן?

**הרה"ג רבי יוסף:** לכאורה ווייל ער איז געווען א תלמיד פונעם **חוזה פון לובלין**, און ער האט געהאט דעם זעלבן נאמען, יעקב יצחק, און די תלמידים האבן אים נישט געוואלט רופן מיטן נאמען פון זייער רבי'ן[ג].

מען זאגט אז **רבי דוד לעלוב'ער** (השני, בן **הרה"ק רבי אלעזר מענדל זי"ע**) האט געהאט די צורה פונעם

---

[א] בספר **כלילת חתנים** (פ"ט אות ז') כתוב שלכך נהגו לקדש בטבעת של זהב על דרך הכתוב (שמות כו-כט) ואת טבעותיהם תעשה זהב.

[ב] **בשו"ת לבושי מרדכי** (ח"ג סימן רעד) כתוב בטעם הדבר דכיון דילפינן קידושי כסף קיחה קיחה משדה עפרון (קידושין ד:) ושם קאמר כסף.

[ג] בספר **ימות עולם** מובא מכ"ק **האדמו"ר רבי יצחק מאמשינוב זצ"ל**, שאמר שישנם כמה טעמים למה נקרא בשם **יהודי הק'**, והגיד חמשה מהם. א) היות שהיה שמו כשם רבו [**הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע**] לא היו קוראים אותו בשמו. ב) היה נשמת מרדכי 'היהודי'. ג) דרכו היה להגיד פלפולים, והיה אומר ששמה דבר זה 'מיהודי אחד'. ד) בכל יום נתעלה כל כך כמו מ'גוי' עד ל'יהודי'. ה) פעם נפגש עם אליהו הנביא שנדמה לו כנכרי, ואליהו הנביא קרא לו 'זשיד' [יהודי], ומאז כינוהו בשם 'יהודי'.

**לובלינער.** מען דערציילט אין ירושלים אז די גוים פלעגן שטיין אין גאס און קוקן ווי אזוי ער גייט. ער האט געהאט דעם געלט כח פונעם **חוזה**. ער איז אויך געווען א אייניקל פונעם **חוזה**. **רבי אלעזר מענדל** (בן **הרה"ק רבי משה מלעלוב זי"ע**) איז געווען א איידעם ביי א זון פונעם **חוזה**.

**רבינו:** עס שטייט פון צדיקים אז ווען מען מאכט חתונה קומט אראפ א השפעה פון פרנסה.

**הרה"ג רבי יוסף:** עס שטייט אזוי פונעם **אור לשמים** (פ' תולדות), אויפן פסוק (בראשית כו-ל) ויעש להם משתה, ויאכלו וישתו. ווען מען מאכט א משתה, ברענגט עס א השפעה אויך אויף די פרנסה.

**הרה"ג רבי יוסף:** דער רבי האט אזא קהלה, וואס עס איז נישט דא אין די גאנצע וועלט, עס איז תורת חיים ואהבת חסד. דער רבי זאל ממשיך מיט לאנגע געזונטע יארן.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה, און די יונגעלייט וואס טוען צוהעלפן זאלן אליין געבענטשט ווערן (אברכי אנ"ש ערכו מסיבה לכבוד הגר"י שליט"א). ווען מען העלפט פאר ארץ ישראל, איז עס נישט נאר א הצלחה, נאר עס איז אויך א ברכה.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך הגיע **הרה"ג רבי יעקב טייטלבוים שליט"א** אב"ד תולדות אברהם יצחק (מאנסי, חתן **כ"ק האדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א**), להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בנו בשעטומ"צ.

כמו כן הגיע **כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יצחק בידערמאן שליט"א מלעלוב** (ב"פ), להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בתו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מלעלוב:** ווען איך בין געווען די פאריגע מאל לאדענען אויף א שמחה, האט דער רב דערמאנט די ווארט פונעם שאמלויא'ער רב (בספרו **טיול בפרדס** ח"א אות ג' סימן י') אויף בווין תתקטר[ד].

**רבינו:** עס איז א לעלוב'ער ווארט, פונעם ערשטען **רבי דוד לעלוב'ער** (תלמיד החוזה מלובלין זי"ע).

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** שרייבט אז ווען ער איז געווען אין ירושלים האט ער געהערט דאס ווארט. ווען ער ברענגט עס צו, דערמאנט ער, אז ווען איך בין געווען אין ירושלים האב איך געהערט דאס ווארט.

**האדמו"ר מלעלוב:** אינטערעסאנט אז עס איז דא דער זעלבער ווארט פון **רבי דוד לעלוב'ער** אויפן פסוק (שמות ח-יט) ושמתי 'פדת' (חסר וא"ו) בין עמי ובין עמך, און דער **בעל הטורים** שטעלט צו צוויי פלעצער ווי עס שטייט פדות מיט א וא"ו. זאגט דער **רבי דוד'ל**, אז מיט דעם איז עס זייער גוט. ווייל וויבאלד עס איז נאכנישט דא דער חיבור פון קוב"ה אורייתא וישראל, נאר לעתיד לבא, וועגן דעם פעלט דער אות וא"ו, אזוי ווי מען זעהט אז ביי אליהו פעלט אויך דער וא"ו (עיין רש"י ויקרא כו-מב).

**רבינו:** איך בין אמאל געווען ביים זיידען, **רבי משה מרדכי לעלובער**, אין שטוב. ער איז שוין נישט געווען געזונט דעמאלטס, ער איז געלעגן אויף אזא בעט וואס האט געקענט ארומפארן אין שטוב.

*

עס איז נאך געבליבן כתבים פונעם שווער (**כ"ק הגה"צ רבי מנשה קליין זצ"ל** גאב"ד אונגוואר בעל **משנה הלכות**)?

**האדמו"ר מלעלוב:** מען האט יעצט ארויסגעגעבן חלק י"ח י"ט. עס איז דא אזעלכע תשובות וואס איז געשריבן געווארן דא אין אמעריקא תשי"ט תש"כ, עס איז זייער שיינע תשובות. עס איז זעלטן צו טרעפן א מענטש, וואס האט זיך געשריבן מיט אלע גדולי הדור. מיט **רבי פנחס עפשטיין**, מיט **רבי וועלוועל בריסקער**, מיט **רבי צבי פסח פראנק**, און נאך.

---

[ד] וזה תוכן דבריו: בהיותי בירושלים עיה"ק שמעתי מתלמיד חכם אחד נכד **הצה"ק רבי דוד לעלובער זצ"ל** שאמר בשם

זקנו, דאות ו' יש בו ג' מילואים, ו"ו, וא"ו, וי"ו. מילוי הראשון עולה בגימטריא י"ב, כנגד י"ב שבטי י-ה, והוא רמז לעם בני ישראל בני השבטים. מילוי השני עולה בגימטריא י"ג כתיבת 'אחד', והוא רמז לקוב"ה אחד יחיד ומיוחד. ומילוי השלישי עולה בגימטריא כ"ב, כנגד כ"ב אותיות תורתינו הק', והוא רמז לתורתינו הקדושה והטהורה. נמצא דבג' אופני מילוי אות ו', יש רמז לקשר קוב"ה אורייתא וישראל שהוא חד (זוה"ק ח"א עג.). וזהו הרמז 'בווין תתקטר', דבכל אופני אות ו', אנו באים לקשר קוב"ה אורייתא וישראל ודפח"ח.

**רבינו:** ער האט געהאט א ברכה אין זיין פעדער. אזויפיל צוזאמצושרייבן.

**האדמו"ר מלעלוב:** ער האט שיין געשריבן אויך, לשוני עט סופר.

**רבינו:** עס האט נישט גענומען ביי אים לאנג, ער האט געענטפערט אין א טאג צוויי.

**האדמו"ר מלעלוב:** ער האט זוכה געווען צו ליגען אין ארץ ישראל, ער האט אויפגעשטעלט א שטעטל אין ארץ ישראל.

**רבינו:** ווי ליגט ער?

**האדמו"ר מלעלוב:** אין צפת. נעבן זיין זיידע רבי עמרם חסידא, און נישט ווייט פונעם בית יוסף.

**רבינו:** איך בין א כהן, עס קומט מיר נישט אויס אז איך זאל אראפגיין אונטען.

**האדמו"ר מלעלוב:** ער האט אזויפיל געלערנט בית יוסף, קומט זיך אים אז ער זאל ליגען נעבן דעם בית יוסף. אין זיין ספר (**מגיד משנה – משנה הלכות** עה"ת, בפ' נצבים) ברענגט ער אויך, אם יהיה נדחך בקצה השמים (דברים ל-ד), אפילו די וועסט זיין אין א שטאט, אפילו עס איז א הימלישע שטאט, אבער עס איז נישט אין ארץ ישראל, איז אויך משם יקבצך ה' אלקיך.

**רבינו:** איך האב אויך צוויי תשובות וואס ער האט מיר געשריבן. איינס אין הלכות מילה (נדפס בספרו **משנה הלכות** ח"ז סימן קע"ב). און איינס וועגן א תענית ציבור וואס מען האט פארגעסן צו זאגן עננו, און מען האט געזאגט ביי שומע תפלה, און דער שליח צבור האט געדארפט ענדיגן שומע תפלה, און ער האט געענדיגט העונה לעמו ישראל בעת צרה, צו מען האט יוצא געווען, צו נישט. צו דאס הייסט א שינוי.

**האדמו"ר מלעלוב** (אחר שמסר הזמנה לחתונת בתו בשעטומ"צ): זי הייסט מאטיל, נאכן הייליגען **רבי'ן פון לובלין'ס** מאמע. דער רבי **ר' אלעזר מענדל** איז געווען א איידעם ביי **רבי הערשל**, דער זון פונעם **רבי פון לובלין**. און די באבע האט געהייסען מאטיל פייגא. מען דערציילט נאך אז ווען זי איז געווען א קינד פון ניין יאר, איז זי געווען אויפן ציון פונעם **רבי פון לובלין** צוזאמען מיט איר טאטע, און זי האט געזעהען ווי דער **רבי ר' הערשל** רעדט מיט איינעם. האט זי געפרעגט, מיט וועם ער האט גערעדט. האט ער איר געזאגט, לערן זיך אויס מיין קינד, אז נישט יעדע זאך וואס מען זעהט, דארף מען דערציילן.

**רבינו בצחות:** איך האב געהערט אמאל פונעם קטמונ'ער רב, אז דער **בית ישראל** האט געהאט א שוועסטער מאטיל (אשת הרב **רבי יצחק מאיר לוין ז"ל**), און זי איז געווען זייער א שארפע. און דער **בית ישראל** האט געזאגט אויף איר, אז זי הייסט מאטיל, ווייל זי איז 'מטיל אימה'.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפען עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה, דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און זיין א בנין עדי עד, און קענען מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אלי' יוסף בריעגער** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה איז אויסגערעכנט די לידה פון די שבטים, און די נאמען וואס יעדער האט באקומען. און עס שטייט אויך אין די תורה, דעם טעם פון יעדע נאמען, פארוואס מען האט אים געגעבן אזא נאמען. דער הייליגער **חתם סופר** (דרשות ח"א סח: ד"ה יששכר) שרייבט א רמז, וואס איז דא אינעם נאמען יששכר (בראשית ל-יח), אז יששכ"ר באטרעפט אכט הונדערט מיט דרייסיג. דאס איז א רמז אויף די צוויי בתי מקדשות וואס זענען געשטאנען צוזאמען אכט הונדערט און דרייסיג יאר. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט און צען יאר, און די צווייטע בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט און צוואנציג יאר, צוזאמען איז עס אכט הונדערט און דרייסיג יאר, און דאס איז מרומז אינם נאמען יששכר. דער **חתם סופר** איז נישט מסביר, וואס עס איז דער צושטעל, אז יששכר איז די יארן וואס דער בית המקדש איז געשטאנען.

**פשוטו** של הדברים איז, די גמרא (ב"מ פה:) זאגט, מפני מה אבדה הארץ, פארוואס איז ירושלים חרוב געווארן. זאגט די גמרא, די זאך האט מען

געפּרעגט די מלאכים, און מען האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן דערויף, ביז דער אייבערשטער אליין האט עס מפרש געווען, שנאמר (ירמיה ט-יב) על עזבם את תורתי וגו' ולא הלכו בה. און ווי די גמרא איז מסביר, שלא ברכו בתורה תחלה, עס האט געפעלט אין די חשיבות פון לימוד התורה. אויף די תורה דארף מען מאכן א ברכה, מען דארף זיך פרייען אז מען קען לערנען, מען דארף זיך פרייען אז מען קומט אריין לעול התורה. מען דארף אפגעבן א שבח והודאה, אשר קדשנו במצותיו וצונו לעסוק בדברי תורה. טאמער מען מאכט נישט א ברכה, איז א סימן אז דער לימוד התורה וואס מען לערנט, איז נאר א עול. עס איז נישט ווייל מען האט געוואלט, און מען האט א שמחה דערצו, נאר עס איז געווען מיט א עול. שלא ברכו בתורה בתחלה, אפילו ווען מען האט געלערנט תורה, האבן זיי נישט געמאכט א ברכה דערויף. די תורה וואס מען האט געלערנט, איז נישט געווען מיט א שמחה.

**קומט** אויס אז דאס וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז געווען, ווייל עס האט געפעלט אין לימוד התורה. יששכר איז דער עמוד התורה. דער זכות פון יששכר וואס לערנט תורה, דאס האט געגעבן דעם כח אז דער בית המקדש זאל שטיין. וועגן דעם איז מרומז אין דעם נאמען פון יששכר, די יארן וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, ווייל יששכר, דער עמוד התורה, האט צוגעברענגט דערצו, אז דער בית המקדש איז געשטאנען די אלע יארן.

**אבער** עס האט אין זיך נאך א רמז. מיר האבן היינט נישט א בית המקדש, מיר האבן היינט נישט א פלאץ ווי מען איז מקריב קרבנות, עס פעלט די השראת השכינה וואס עס איז געווען אין בית המקדש. אבער עס איז נאך אלץ געבליבען א השראת השכינה ביי יודען. א ערליכער יוד וואס פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.). ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח) בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. א יוד קען זוכה זיין, אז ווען ער לערנט תורה, און ער ליגט אין קדושת התורה, איז דא אין אים א השראת השכינה. און דאס איז א בית המקדש, ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל.

**עס** שטייט אין **אלשיך הק'**, דוד המלך זאגט (תהלים עח-ס) ויטוש משכן שלו, אהל שכן באדם. דער פשוטער פשט איז, 'ויטוש משכן שלו', דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט דעם משכן שילה, 'אהל', ער האט איבערגעלאזט דעם געצעלט, 'שכן', וואו ער האט געוואוינט, 'באדם', צווישן מענטשען. דער באשעפער האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און ער איז ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל, און ער רוהט היינט נישט דא אויף די וועלט. זאגט דער **אלשיך הק'**, ניין, דער פסוק זאגט, 'ויטוש משכן שילה', ווען דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט דעם משכן שילה, האט ער נישט אינגאנצן אוועקגענומען דעם בית המקדש פון אונז, נאר 'אהל', זיין געצעלט, 'שכן', האט ער יעצט געמאכט רוען, 'באדם', אינעם מענטש. דער מענטש אליין, קען זיין א בית המקדש.

**קומט** אויס, אז א יוד וואס זיצט און לערנט תורה, איז דא ביי אים א השראת השכינה. ער איז ממשיך די קדושת המקדש, וואס איז געווען דעמאלטס. ווער איז דער וואס איז עוסק אין תורה, דאס איז יששכר. וועגן דעם איז דא אין די נאמען פון יששכר, די מספר פון די יארן וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, ווייל דורך יששכר, די וואס זענען עוסק בתורה, די וואס זיצען און לערנען תורה, די זענען ממשיך דאס וואס איז געווען אין די צוויי בתי מקדשות, און עס ווערט ווייטער נמשך דורך יששכר. עס איז ווייטער דא א השראת השכינה, אין יעדען איינעם, וואס איז אין די בחינה פון יששכר.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה דוד פערל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אשר יהודא זעליג** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פריעדלאנדער ע"ה (אלמנת הר"ר **חיים בנציון פריעדלאנדער** ע"ה).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת שלעזינגער ע"ה (אלמנת הר"ר **יהודא ארי' שלעזינגער** ע"ה).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א**, עב"ג **בן הרה"ג רבי יצחק אייזיק ראטה שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א), שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מלעלוב שליט"א** (ב"פ), עב"ג **בן כ"ק האדמו"ר מסטראזניץ שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת חי'.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי יעקב טייטלבוים שליט"א** אב"ד תולדות אברהם יצחק (מאנסי, חתן כ"ק האדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי שלום יעקב שמואל הערבסט שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד פרעמישלאן שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***יום רביעי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית השתתף אצל הברית של בן הר"ר **מרדכי שלמה פריינד** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש באיאן. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם, וכיבד את **הגה"צ רבי אליעזר אייכלער שליט"א** אב"ד באיאן בקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הרב **בערל לאקס** שליט"א (ר"מ בישיבה קטנה), עב"ג בן הר"ר **אהרן פראטאווין** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אלימלך שארף** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מרדכי ווייסבערג** הי"ו (בן הרה"ג **רבי חיים דוב ווייסבערג** שליט"א), שישב שבעה על פטירת בתו הילדה ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** דיין זיידע רבי נפתלי ווייסבערג איז געווען מיין שדכן. דיין טאטע האט מיר געזאגט אז דעם אנדערן טאג ווען איך בין געווארן א חתן, האט ער געזאגט פארן **סאטמארער רב** אז ער האט געענדיגט א שידוך, מיין שידוך מיט מיין רעבעצין, האט אים דער **סאטמארער רב** געזאגט, איר פירט אויס שידוכים אזוי ווי מען רופט אויס אין הימל. ער האט עס געהאלטן פאר א חשיבות.

איך האב געהערט פון מיין **טאטע ז"ל** אז ער האט נאכגעזאגט פונעם **קול ארי' זי"ע**, אז אמאל איז דא א יוד וואס האט זיך משלים געווען זיינע יארן אזוי ווי עס דארף צו זיין, אבער אין זיין לידה איז געווען א פגם, קומט ער נאכאמאל אראפ אויף די וועלט, משלים צו זיין די אנהייב פון זיין לעבן, און נאכדעם קומט ער צוריק, צו וואס ער איז געווען פון פריער.

מען איז נאר משלים, א שטיקל חלק פונעם לעבן פון פריער, וואס האט געדארפט האבן א תיקון.

**הר"ר מרדכי:** דער רב ווייסט צו מען לייגט א מצבה? עס איז דא וואס זאגן אז מען לייגט, און עס איז דא וואס זאגן אז מען לייגט נישט. איינער האט מיר געזאגט, אז אין ירושלים, ביי א קינד ביז די צוויי יאר, זאגן זיי נישט אויס פאר די עלטערן ווי מען האט געלייגט דאס קינד.

**רבינו:** איך האב געהאט א שוועסטער וואס איז אוועק ביי די קריג, זי איז געווען א קליין מיידל, איך מיין אז זי איז אלט געווען צוויי יאר. עס איז געווען נאכן דערפאטירן, מיינע עלטערן זענען געווען אין די שטאט וויען. די טראנספארטען וואס זענען געבליבן לעבן האבן זיך א טייל אויפגעהאלטן אין וויען, עס איז נישט געווען אזוי שווער ווי אין די איבריגע פלעצער. און זיי האבן געגעבן רשות אז מען קען גיין קובר זיין, און מען האט איר קובר געווען אין דעם בית החיים אין די שטאט וויען, און מיין טאטע האט געלייגט שפעטער א מצבה. ער האט געשריבן די נאמען, פה נטמן הילדה מינדל ע"ה.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי משה מנחם ווייס שליט"א** דומ"ץ פאפא ב"פ, שהתקיים בבית המדרש פאפא.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק פישמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת השבע ברכות, אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת **כ"ק האדמו"ר מספינקא שליט"א**, עב"ג בן הרה"ג רבי **ישכר בעריש פריעדמאן** שליט"א אב"ד בית ישראל סיעדערהורסט (בן הגה"צ אב"ד אולם שליט"א), שהתקיים בבית המדרש חקל יצחק ספינקא (ב"פ). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת ויצא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי אברהם דוב מאווריטש זי"ע בעל בת עין** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ב כסלו). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל ש"ב הרה"ג רבי **ישראל אהרן כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), שהתקיים בבית המדרש נאנאש. ואצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של בן ש"ב הרב **הערש לייב פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים בבית המדרש וואדקערט. ואצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של בן **הרה"ג רבי ישראל חיים אשרי שליט"א** רב דבית המדרש שער אפרים, שהתקיים בבית המדרש שער אפרים. ואצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של בן ש"ב הרה"ג רבי **אהרן כ"ץ** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד תולדות אהרן שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א) שהתקיים בבית המדרש פאפא.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת רובינשטיין ע"ה (אלמנת הר"ר לייבוש רובינשטיין ע"ה).